B3464

פינפטער יאהרגאנג. Nr. 1 (29) פרייז 85 גר. ערשיינט יעדען חודש.

בית יעקב לכו ונלכה באור ד׳ (ישעי׳)

אילוסטרירטער
פאמיליען-זשורנאל

אשה יראת ד׳ היא תתהלל (משלי)

# בית יעקב

ארגאן פאר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען
און ארגאניזאציעס בנות אגודת ישראל אין פוילען.

| | | |
|---|---|---|
| ב״ה לאדז, כסלו תרפ״ח. | № 29. | Łódź, Grudzień 1927 r. |

**דער ציעל פון די בית יעקב שולען:** ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל׳ס היסטארישע אייביגקייט׳ס - אידעאלען.

אבאנעמענטס-פרייז: א יאהר 8 גילד. אויסל.: 1.50 דאלאר. געלד פריהערדיס.

אדרעס פון רעד. און אדמ.:
Łódź, ul. Aleksandrowska 28.

**דאס פראגראם פון בנות אגודת ישראל:** פליכט - ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פראבלעמען און גייסט פון תורה ומסורה.

## אינהאלט:

1) פון חודש צו חודש — — *.*
2) שרה — די מוטער פון אידעאל — הרב משה חיים לויא.
3) וועגען לעהר-ביכער פאר די בית-יעקב-שולען — — — — הרב טובי׳ יהודא גוטענטאג.
4) קלאנגען (ליעד) — — — זאב ליפסקער.
5) יודישע רעליגיעזיטעט און די יודישע פרוי — — — — מענדל צייגער.
6) געטריישאפט — — — ברוך שטערן.
7) אהבת השם — — — שרה שענירער.
8) אונזערע רפואה-שטאפען — — מ. זקן.
9) דער הערליכער בונד — — מ. פ-ט.
10) יודענטום און זעלבסטמארד — — רבי שמשון רפאל ד״ר הירש זצ״ל.
11) כראניק.
12) אנאנסען.

### ביילאגע „קינדער-גארטען“.

13) שעהנע מעשיות פון יודישע הייליגע ספרים — — — — א. ג. פרידענזאן.
14) צוויי מלאכים — — — ל.
15) דערווינטער — — — א. ג. פרידענזאן.
16) יאהרען, טעג און וואכען (ליעד) — מ. מגן.
17) מודה אני (ליעד) — — — אסתר שושנה
18) דער ווינטער (ליעד) — — ק. ל.
19) ערב שבת (ליעד) — — — ק. ל.
20) אפאריזמען — — — רבי ידעי׳ הפניני.

פוילישע אפטיילונג „WSCHÓD“

**רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן**

go szukamy pocieszenia, gdyśmy zawiniły? To rodzice nasi i wogóle starsi. Dlatego też trzeba zawsze pamiętać słowa: „Czcij ojca i matkę swoją". Trzeba słuchać ich słów, a ich nauka powinna dla nas być świętą.

F. Zelicka kl. VII.

## MOJE MARZENIA NA PRZYSZŁOŚĆ.

Każdy człowiek powinien żyć nietylko myślą o sobie, lecz i o społeczeństwie. Otóż każda istota ludzka dokłada wszelkich starań do tej olbrzymiej pracy na drodze życia....

Nieraz siedząc rozmyślam czem też będę w przyszłości. Nasuwają mi się różne myśli, lecz tak nieuchwytne i przemijające jak bańki mydlane.

Razu pewnego jednak zawitała mi myśl, która przezwyciężyła inne.

Postanowiłam dołożyć cegiełkę do wielkiej budowy życia, zapragnęłam zostać nauczycielką. Zapragnęłam wskazać drogę niewidomym, zaszczepiać cnotę w młode dusze, skierować je na drogę prostą i uczciwą. Bo cnota i praca to mury na których się opiera szczęście życia ludzkiego. W tej chwili przysięgłam pokonać przeszkody, aby dopięć celu.

Estera Granek kl. VII.

אָרטאָדאָקסישע 7 קלאַסיגע
טעכטער־שולע
„בית יעקב", לאדז
24 צעגעלניאנא

בית יעקב-פרעבעל-שולע
לאדז
.24 צעגעלניאנא

## מיטטיילונגען פאר די עלטערן!

א) אלע עלטערן וואָס ווילען זיך פערשטענדיגען מיט די לעהרערינס פאַר למודי-קודש, בנוגע זייערע קינדער וואָס לערנען ביי אונז אין שולע, דאַרפען זיי זיך ווענדען לויט פאָלגענדע אַרדנונג:

1) אין די קלאַסען I II פאַרמיטאג און IV נאָכמיטאג, יעדען זונטאג פון 11—12 צו לעהרערין פרל. בליסקא.

2) אין די קלאַסען VI VII פארמיטאג און IV נ. מ. אים יעדען מאַנטאג פון 11—12 צו לעהרערין פרוי פאָגעל.

3) אין די קלאַסען V פאַרמיטאַג און V נאָכמיטאג אום יעדען דינסטאג פון 11—12 צו לעהרערין פרל. ראָזענבלום.

4) אין די קלאַסען III פאַרמיטאג און נאָכמיטאג פון 11—12 יעדען מיטוואָך צו לעהרערין פרל. פאָזנער.

ב) אונזער מעדעצינישע אויפזעהערין פר. דר. וואָלאזשינסקא דיושורירט אין אונזער לאָקאל מאָנטאג פון 12³⁰ ביז 2³⁰ בייטאָג, דינסטאג און דאָנערשטאג פון 4 ביז 6 נאָכמיטאג. די עלטערן וואָס ווילען זיך פערשטענדיגען מיט דער מעדעצינישער אויפזעהערין וואָס נוגע דעם געזונד - צושטאנד פון זייערע קינדער דארפען זיך ווענדען אין די דערמאהנטע שעה'ן.

ג) מיר מאכען אויפמערקזאַם די עלטערן פון אונזערע שול-קינדער דאָס דעם 3-טען גרודזיען איז געווען דער טערמין פון איינצאָהלען די צווייטע ראַטע פונ'ם היינטיגען שול-יאָהר. גלייכצייטיג פאָדערן מיר אויף די אלע וואָס האָבען דאָס נאָך נישט געטוהן, זאָפאָרט דעם שכר-למוד איינצוצאָהלען, בכדי צו פערמיידען אונאנגענעהמליכקייטען.

די לייטונג.



**אסתר שושנה,** בענדין

## מודה אני

חאָל פון טיפען שלאָף, האָב'ך ווידער ערוואכט,
צום טאָג געקומען פון דער פינסטערע נאכט—
זאָג'ך: מודה אני!

ווייל כ'זעה ווידער אויפ'ן הימעל שיינען די זון,
צווישען לעבעדיגע ווייטער, איך בין—
אה אדאנק, מודה אני!

מיינע אויערען פערנעמען די טענער פון לעבען,
צום ריינעם הימעל מיין אויג טהוט ווייט שוועבען
מיט— א מודה אני!

מיט פערל-טוי, האָב'ך מיך ריין געצירט,
אקלייד' געמאכט מיט רויזען חייסע;
מיטן בלומען אראָמט מיין מויל געשמירט —
ס'הארץ מיט זונען-שטראהלען הייסע
—מודה אני!

דיין געבאָט, ג-ט, וויל איך ערפילען
חייל איך דיך פיהל, איך דיך זעה,
איך וויל יוד-מענש זיין
כזאָג דערפאר שטיל, היים:
מודה אני, מודה אני!

## דער ווינטער

פיינעל האָבען אונז פערלאָזט,
און דער ווינטער שרעקט מיט פראָסט,
שפרייט זיין ווייסען מאנטעל אוים
איבער פעלד און טייך און הויז:
אויף די פענסטער, אויף דער שויב
מאָלט ער בוים און בלום און טויב—
אָהן שום מורא פאר דעם הונד,
שטעהט ער פאר דער טהיר אצינד,
וויל אין אונזער שטוב אריין....
הייצען מיר אויוועֶן איין—
פאַלט אויף איהם אַ בייזע שרעק:
ר'לויפט פון אונזער שטוב אוועק!

## ערב-שבת

די מאמעשי נעהערט:
די שטוב אויסנעקעהרט,
נאָר פיין צונעראָמט
מיט נאָלדענעם זאמד!
דעם טיש צוגעגרייט,
דאָס טישטיך פערשפרייט
און לייכטער נעשטעלט—
די מאמעשי קוועלט!
זי צינדט אָהן די ליכט,
פערדעקט דאָס געזיכט...
עס שפיגעלט זיך אין וויין.
פון בענשליכט א שיין....

ק. ג.

## מיר רופען אייך קינדער אונז צו שרייבען —עס וועט זיין געדרוקט!

צו אלע קינדער אין די בית-יעקב-שולען פון פערשידענע שטעדט, ווענדען מיר זיך אַצינד: שוין פיעל מאָל האָבען מיר פון אייך בעקומען, בריעף, מעשה'לעך, לידלעך און סאיז נאָר נישט געווען געדרוקט.

פארוואָס?

הערט ליבע קינדער, מיר זענען דערין נאָר נישט שולדיג. אוודאי האָט אונזער רעדאקציע געוואָלט אייך צו-ליב טהון, מיר אליין האָבען דערפון געהאט גרוים ענמת-נפש. מיר האָבען אָבער נישט געהאט דערצו קיין עצה וויל אין די שולען האָט מען ווייניג פערשפרייט דעם „קינדער גאָרטען" און דעריבער האָט פון איין מאָל ביז'ן צווייטען, נעדויערט א פאַר חדשים.

טאַקי דערפאַר פערשטעהט איהר דאָך אליין נאנץ גוט האָט נישט געקענט די רעדאקציע מיט אייך שטעהן אין פערבינדונג.

איצט אָבער אַז די קינדער פון די לאָדזער בית-יעקב שולען האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט און זיי אליין פערשפרייטען א פאָר הונדערט עקזעמפלארען זענען מיר שוין אויף אַ גוטען וועג.

מיר גלויבען דאָס אַלע קינדער וועלען זיך מסתמא שטאַרק פרעהען און האָבען גרוים הנאה פון אונזער ביט-טאַלונג:

### דער „קינדער-גאָרטען" וועט זיין כסדר יעדען חודש!

מיר רופען אייך ליבע קינדער אונז צו שרייבען, שרייבט וואָס עס געפעלט אייך און מיר וועלען דרוקען.

מיר פערשטעהען אז איהר וועט טאקי אויך טהון אזוי ווי די לאָדזער קינדער און פערשפרייטען דעם „קינדער גאָרטען" אַז אַלע זאָלען לייענען אונזערע שעהנע זאַכען.

ווער שרייבט די ערשטע?

### זיי גרייטען זיך אויף חנוכה

אזוי ווי פאַר אַ יאָהרען וועט אויך דעם היינטיגען חנוכה זיין א גרויסער יום-טוב אין די בית-יעקב-שולען. עס וועלען אויפגעפיהרט ווערען -פאָרשטעלונגען „יהודית" „חנה און איהרע זיבען זוהן" „דאָס קינעלע איל" און נאָך פערשידענעס.

די מאַמעס וועלען קומען זעהען אין הערען וואָס די בית-יעקב-קינדער קאָנען. זיי וועלען זיך שטאַרק פרעהען און נעבען די קינדער חנוכה-מתנות.

אין וואַרשא, קראָקאָ און לאָדז וועלען פאָרקומען די חנוכה-פייערונגען אין די גרעסטע שטאָדטישע זאַלען, אפשר טויזענדער נעסט וועלען קומען. גרוים וועט זיין די שמחה און נאָך גרעסטער די בעגייסטערונג.

Red. i wyd. L. G. Frydenzon. Adr.: Łódź, Aleksandrowska 28.
Tł. D. Szczecińskiego Łódź, Narutowicza 11, tel. 56-46.

ארטאדאקסישע
7 קל.
טעכטער=
שולע
„בית יעקב"
לאדז, פיראמאוויטשא 2.

פרעבעל=
שולע
לאדז,
פיראמאוויטשא 2.

אווענד=
קורסען
פאר דערוואקסענע
ביי דער
„בית=יעקב"=שולע
לאדז,
פיראמאוויטשא 2.

# אויפמערקזאם!

אויף די פיעל אנפראגען אין ביטעס זענען מיר מודיע אז:
אין דער שולע זענען שוין אלע פלעצער פערנומען אויסער אין די פרעבלובקע און אין די קלאסען II, III ווי ס'איז נאך דא א בעגרעניצטע צאהל פלעצער.
כדי אבער נאכצוקומען דעם פערלאנג פון די ברייטע שיכטען פון דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג, האבען מיר אונזערע אווענד-קורסען פיעלפאכיג פערגרעסערט, געבענדיג אזוי ארום די מעגליכקייט א גרעסערע צאהל קינדער אונזערע אווענד-קורסען צו בעזוכען.
די קאנצעלאריע איז טעטיג פון 10—1 פארמ. און פון 5—8 אווענד.

קוראטאריום
פון די
בית=יעקב=שולעז
אין לאדז.

ארטאדאקסישער
אבריים=קאלענדער
דער קאלענדער אויפ'ן יאהר 1928 איז פיעלפאך בערייכערט און פערבעסערט.
אין קאלענדער געפינען זיך אויך
קופאנען צו בעקומען אלע ביכער פון פערלאג „מסורה" צו האלבע פרייזען.
אדרעס:
A. M. GRUBSZTAJN, Łódź, Wschodnia 54.

א הארציגען מזל-טוב ווינש איך דעם
ד"ר אהרן לאנגלעבען
צו דער חתונה מיט פרל.
בראנקא מערענלענדער
הערמאן אוניקאווסקי.

מזל טוב!
מיר ווינשען אונזער חשוב'ע אקטיווע מיטארבייטערין פרוי רחל בריקמאן א הערצליכען מזל-טוב צו דער פערלאבונג פון איהר זוהן.
בלאשקי, בנות אגודת ישראל.

קויפט, לייענט, אבאנירט די איינציגע
טאג=צייטונג
„דער יוד"
ערשיינט טעגליך 6 זייטען.
אבאנעמענטס-פרייז 6 זל. א חודש
אדרעס:
Redakcja „Der Jud", Warszawa
Pawia 11a



# WSCHÓD

ŁÓDŹ, GRUDZIEŃ, 1927. / ב"ה כסלו, לאדז, תרפ"ח.


# O szkołach „Bajs Jakow"

Z zadowoleniem możemy skonstantować że hasło przez nas pięć lat temu w ulicę żydowską rzucone, o utworzeniu szkół typu „Bajs-Jakow zwycięża na całej linji. Albowiem dzisiątki szkół mamy już obecnie rozsiewanych po różnych miastach Rzeczypospolitej i założyciele ich błogosławione zbierają plony.

I nie dziw temu; mówi przecież psalmista nasz: „Ci, którzy siewają łzami—zbierać będą obfite plony śpiewem". A ileż to łez z òcz ojców i matek żydowskich strumieniami płyną z radości na wieść że i miasto ich zostaje uszczęśliwione szkołą „Bajs Jakow"—kuźnią przyszłości Narodu Żydowskiego. Gdyż my, Żydzi ortodoksyjni, nie wyobrażamy sobie przyszłości naszego narodu bez wkojarzenia zasad religijnych w serca młodocianych naszych córek—podwaliny naszej przyszłości. A zadanie to w chwili obecnej spełnia—

JEDYNIE SZKOŁA „BAJS-JAKOW",

tak wielkim ciesząca się uznaniem we wszystkich sfer społeczeństwa naszego.

*

Nie notujemy tych słów dla złożenia sprawozdania lub dla zachęcania do założenia nowych szkół—chociaż że wieści takich oczekujemy i z radością powitamy. Robimy to obecnie w celu zgoła innym:—

*

Szkoła „Bajs-Jakow" zapełnia lukę, która dotychczas dotktiwie Żydostwu religijnemu dała się we znaki: szkoła dbająca nietylko o wychowanie świeckie oddanego pod opiekę dziecka, lecz również o wychowanie w duchu Tory i etyki żydowskiej. Nie mając jednak dostatecznych zasobów materjalnych, w całym szeregu miast prowincjonalnych zmuszeni byli nasi działacze program szkół typu „Bajs-Jakow", podzielić: zakres programu w szkołach tych obejmuje tylko naukę przedmiotów judaistycznych.

Wobec tego szkoły - kursy te czynne są tylko w godzinach popołudniowych a uczęszcza do nich dziatwa, która przed południem uczy się bądź w miejskich szkołach powszechnych, bądź w szkołach prywatnych.

Powszechnie wiadomem jest i nasz poseł na seim rabin Lewin שליט"א na konferencji w Ministerstwie Oświaty i Kultury poświęconej sprawie nauki religji w szkołach dla dziatwy żydowskiej kilkakrotnie podkreślił, że istniejące szkoły powszechne i prywatne w niczem nie zadawalniają szerokich warstw ludności żydowskiej, z powodu zaniedbanego w nich przedmiotu nauki religji.

Coprawda, przez wyżej wspomniane ministerjum wydany został ostatnio okólnik, dążący ku wprowadzeniu obowiązkowej nauki religji. Ale czy to cóś poskutkuje?

I ministerstwu znana jest odpowiedź na to pytanie. Bo jakże można zrozumieć wskazówkę o utworzeniu specjalnych kursów popołudniowych?..

W każdym bądź razie okólnik ten wyraża chęć ze strony rządowej do zlikwidowania tej kwestji w sposób przychylny dla ludności żydowskiej. I ufając w szczerość tego dążenia, pozwalamy sobie zwrócić uwagę sfer oficjalnych na następujace:

Istnieją już w całym szeregu miast specjalne kursy dla religji — wspomniane kursy popołudniowe i wieczorne — „Bajs - Jakow". Wykładające na tych kursach nauczycielki, ukończyły seminarum nauczycielskie „Bajs-Jakow" w Krakowie. Są one więc fachowo-wyszkolone, co w żaden sposób powiedzieć nie można o nauczycielach „religji" w szkołach innych. Cyżby nie było wskazanem by istniejące kursy te zostały przez władzę szkolną uznane za odpowiadające obowiązkowej nauce religji?

Rozumie się, że równocześnie z uznaniem tych kursów, kardynalna musi zajść zmiana w całkowitem kształtowaniu się stosunku władz do tych kursów, a w pierwszym rzędzie muszą one być całkowicie przez władzę szkolną utrzymane. Ale o tem — obszerniej następnym razem.

K.-M.

Łódź, Grudzień 1927 r. Cena 85 gr. Rok V, zeszyt 29.
„BAJS JAKOW" (miesięcznik) Adres Red. „Bajs Jakow" Łódź, Aleksandrowska 28.

## הרבנית שרה חנה קרול ע"ה.

מאָנטאָג ד׳ כסלו, האָבען די לאָדזער יודישע פרויען בעג־לייט צו איהר אייביגער רוה איינע פון די חשוב׳סטע לאָדזער אָרטאָדאָקסישע פרויען, הרבנית שרה חנה קרול ע"ה, די פרוי פונ׳ם מורה־הוראה ר׳ מרדכי ניסן שליט"א.

הרבנית קרול האָט געהערט צו די איידעלסטע און אידע־אַלסטע טיפען פרויען אין אונזער צייט. גאַנץ בעזונדערס האָט זי שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער בית־יעקב־ און בנות־בעוועגונג און האָט תמיד בעדויערט, וואָס צוליב איהר אָפטער קראַנקהייט קאָן זי אַקטיוו נישט מיטאַרבייטען.

תנצב"ה׳

## שרה סירקיס ע"ה.

מיטוואָך פ׳ תולדות, איז אין וואַרשאָ געשטאָרבען אין על־טער פון 66 יאָהר די פרוי פונ׳ם בעוואוסטען נדבן און אָרטאָ־דאָקסישען עסקן ר׳ שלמה סירקיס נ"י פון זגערזש. די לעצטע איז אויך געווען די מוטער פונ׳ם חשוב׳ען אָרטאַדאָקטישען דע־פוטאַט ר׳ אליעזר סירקיס נ"י. די נפטרת האָט זיך אויסגעצייכענט מיט פיל מעלות און איז געווען די פרעזאָסין פון בית־יעקב־קאָמיטעט אין זגערזש.

תנצב"ה.

---

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער חשוב׳ע פאָרזיצענדערין פרוי לעווקאָוויטש צום טויט פון איהר ליבע מוטער

הרבנית **שרה חנה קרול** ע"ה

אין דער אידעאַלער אַרבייט פאַר אונזערע היי־ליגע צילען, זאָל זי געפינען טרייסט און נחמה און מעהר נישט וויסען פון קיין צער.

לאָדז, בנות אגודת ישראל.

---

### „פערלאַג „ערציהונג" לאָדז.

**וויכטיג פאַר די „בית יעקב" שולען.**

**ס׳איז ערשינען פון דיר. ה. י. נ. קאַמיענץ:**

א) „יהדות", דינים און קאָמענט. אויף שבת מיט אַ פאָר־וואָרט פון קוטנער רב שליט"א, פרייז 1.50. ב) „יודישקייט", רעליג. בוך, I באַנד, פאַר אָנפענגער, פרייז —.2. ג) „רמב"ם", סעריע קינדער - ביבליאָטעק, פרייז —.40 ד) „רבי יהודה הלוי ורבי אברהם אבן אזרא", פרייז —.40 אנערקענט פון: הרה"ג ר׳ מאיר דן פלאָצקי שליט"א, הרה"ג ר׳ יעקב מאיר בידערמאַן שליט"א, הרה"ג ר׳ חיים גינזבורג שליט"א אבד"ק שדליץ, ד"ר שמואל דייטשלענדער (דירעקטאָר פון אַלוועלט. קרן התורה), „בית יעקב" צענטראַלע אין קראָקאָ פון פרוי שרה שענירער.

צו בעקומען ביי יואל אַלטער און קליין, נאַרוטאָוויטש 24.

---

פון טיפען האַרצען ווינשען מיר מזל־טוב אונזער אַקטיווע מיטאַרבייטערין דינה אַלטער צום געבורט פון איהר זוהן.

לאָדז, בנות אגודת ישראל.

---

### מזל־טוב.

לידידי יקירי מר **מאיר פרידמאַן** אני מברך בברכת מזל־טוב חמה ונלבבה לבואו ברית האירוסין עם מרת זילבערשץ מלודז.

א. ג. פרידענזאָן.

---

### מזל טוב

צו דער חתונה פון אונזערע אידעען־שוועסטער **רבקה וויינטרויב** מיט ה׳ **בקורניק** פון מאַקאָוו ווינשען — אַ האַרציגען מזל טוב.

פראָשניץ, בנות אגודת ישראל.

---

### מזל טוב.

אַ האַרציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזערע אַקטיווע מיטאַרבייטערינס קאַסירערין פרל. **הדס עלכאַנאָוויטש**, וויצע־פאָרזיצ. פרל. **מרים פאמוב** צו זייער חתונה, פרל. **סינאַ** און פרל. **צוקער** צו זייער פערלאָבונג. אייער צו־קונפט זאָל געבויט ווערען אינ׳ם גייסט פון אונזערע אידעאַלען.

פשעדבאָזש, בנות אגורת ישראל
לעהרערין: פרל. זיידמאַן,
סעקרעטאָרין פרל. ליכטענשטיין.

---

### מזל טוב.

מיר ווינשען פון טיפען האַרצען אַ גליקליכען מזל טוב אונזערע געעהרטע פאָרזיצערין **פייגא גליקא ווינשטיין** צו איהר חתונה מיט ה׳ **אליעזר ליפמאַן שעראַדזקי** פון זאַגאָראָוו. — אייער צוקונפט זאָל מיט בלומען פון אונזערע אידעאַלען זיין בעציהרט, אויף די בערג פון יהודה און ירושלים.

סלופצע, בנות אגודת ישראל.

---

צו דער חתונה פון

**ד"ר אהרן לאַנגלעבען**

מיט פרל. **בראָנקאַ מערענלענדער**

ווינשט אַ האַרציגען מזל־טוב

פאמיליע גרינבערג.

Red. i wyd. L. G. Frydenzon. Tłocznia I. Grinberga, Łódź, Wschodnia 45, tel. 31-90.

[illegible] 1924

Dodatek do miesięcznika „BAJS JAKOW" № 29.

# א רוף

## צו דער יודישער פרוי אין פוילען.

פון אייביג אן איז געווען די ראָל פון דער יודישער פרוי אינ'ם יודישען לעבען: צו זאָרגען פאַר די צוקונפט פונ'ם יודישען פאָלק.

די צוקונפט פונ'ם יודישען פאָלק ליגט פערבאָרגען אין דער צוגעבינדענקייט פונ'ם יודישען קינד צו דער פאָלקס-טראַדיציע.

צו פערפלאַנצען טריישאַפט, ליבע און מסירות הנפש אינ'ם הארץ פונ'ם יודישען קינד צו די יודישע הייליגטימער: דאָס איז דאָס אײדעלע שטרעבען פון יעדער יודישער מוטער.

צו שאַפען די מעגליכקייטען פאַר א תורה-טרייע ערציהונג, דורך וועלכע די יודישע קינדער זאָלען געטרענקט ווערען מיט יודישען גייסט, מיט יודיש וויסען און מיט יודיש לעבען: אָט דאָס מוז זיין די הייליגע אויפגאַבע פון דער יודישער פרוי!

אין גלות און נאָך מעהר אינ'ם הייליגען לאַנד, אינ'ם לאַנד פון אונזער פערגאַנגענהייט און פון אונזער צוקונפט, וואו יודישע קינדער ווערען ערצויגען צו זיין בויער פון א יודישע היים.

א יודישע היים מוז אויף זיך טראָגען דעם שטעמפעל פון יודישער אייגענאַרטיגקייט, יודישע אייגענאַרטיגקייט דאָס איז: תורה און טראַדיציע.

ארץ-ישראל געהערט אלע יודען, וואו זיי מעגען אויך יעצט וואוינען. יעדער יוד פיהלט זיך צוגעבינדען

צו זיין לאַנד, אינטערעסירט זיך מיט'ן גורל פון זיין לאַנד.

דער גאַנצער גורל הענגט אָב פון דער ערציהונג, וואָס די יודישע קינדער וועלען דאָרט בעקומען.

צו געבען די יודישע קינדער אַ יודישע ערציהונג אינ'ם גייסט פון תורה און טראַדיציע און אַזוי אַנאָך צו זיכערן די עקזיסטענץ פונ'ם יודישען היים — האָט אגודת ישראל געגרינדעט אין ארץ־ישראל אַ רייהע פון ערציהונגס־אַנשטאַלטען פאַר יונגלעך און מיידלעך, וועלכע מוזען אונטערשטיצט ווערען פון אַלע יודען אין די גלות־לענדער.

די דאָזיגע אונטערשטיצונגס־אַקציע צו אָרגאַניזירען איז קודם־כל די הייליגסטע פליכט פון דער יודישער פרוי.

דאָס האָבען פערשטאַנען די יודישע פרויען אין מערב־אייראָפּאַ און האָבען איבעראַל געגרינדעט פרויען־קאָמיטעטען אונטער'ן נאָמען „פרויען־הילף פאַר יודישע שולען אין ארץ־ישראל", וועלכע אַרבייטען ענערגיש און ערפאָלגרייך פאַר דער דאָזיגער הייליגער זאַך.

די אַקציע האָט געפונען אַנ'אָבקלאַנג ביי אַלע יודיש־פיהלענדע פרויען און מיט רויסער בעגייסטערונג האָט זיך יעדע פרוי פערפליכטעט מיט אַ וואָכען־ אָדער חודש־אָבצאָהל פאַר אונזערע שולען.

ס'האָבען זיך געפונען פרויען, וועלכע שטעהען אין דער שפיץ פון דער דאָזיגער בעוועגונג און זענען מעורר די פרויען צו אַרבייטען פאַר די דאָזיגע זאַך, מאָהנען פון זיי זייער חוב און טהין איינקאַסירען יעדען חודש דאָס געלד.

אין פוילען האָט אויך זיך גענומען די דאָזיגע אַרבייט צו אָרגאַניזירען די צענטראַלע פון „בנות אגודת־ישראל" אין פוילען.

מיר ווילען האָפען, אַז די יודישע פרויען, די טרייע און איבערגעגעבענע צום יודענטום, וועלען נישט הינטערשטעלינג בלייבען לגבי די יודישע פרויען אין מערב־אייראָפּאַ, מיט געמיינזאַמע כחות מוזען די יודישע פרויען אין פוילען צוטרעטען צו דער דאָזיגער אַקציע אויפצוּוועקען דאָס יודישע האַרץ פון דער יודישער פרוי צו איהר הייליגער פליכט און הייליגער אויפגאַבע, וועקען און מאַהנען, מאַהנען און וועקען — דאָס איז די יעצטיגע אויפגאַבע פון דער יודישער פרוי, אָבער אויך געבען און נעמען איז די יעצטיגע הייליגע פליכט פון דער יודישער פרוי!

אַ פייערדיגער רוף דערגעהט צו אַלע יודישע פרויען און טעכטער אין פוילען:

שטעלט זיך מוטיג און ענערגיש אין די רייהען פון דער בעוועגונג צו העלפען אונזערע שולען אין ארץ־ישראל און פערגעסט נישט אייער פליכט און אויפגאַבע אינ'ם יעצטיגען ענטשיידונגס־פולען מאָמענט!

**ארץ־ישראל־צענטראַלע פון אגודת־ישראל פראַנקפורט א. מ.**

(—) יעקב ראָזענהיים (—) ד"ר שלמה עהרמאַן (—) יהודא האַלענדער.

אדרעס פון קאַסירער פאַר'ן ארץ־ישראל־געלד;

**Radny I. BILLAUER**
**(Firma „Jutalen")**
**Łódź, Piotrkowska 60.**

דרוק י. גרינבערג לאָדז, וסחאדניא 45.

# אינסטרוקציעס צו ארגאַניזירען די אַרבייט פון פרויען-הילף פאַר די ארטאדאקסישע שולען אין ארץ-ישראל.

1) אין יעדען אָרט דאַרף זיך שאַפען אַ קאָמיסיע פון פרויען און פרייליינס וואָס זאָלען אויף זיך נעמען איינצוקאַסירען יעדען חודש, ביי יודישע פרויען די שפענדען.

2) עס דאַרף אַכט געלעגט ווערען דאָס געזאַמעלט זאָל ווערען די שפענדען אין אַלע בעל-בתי'שע הייזער.

3) די קאָמיסיע זאָל זיך אויסוועהלען אַ פערטרויאונגס-פערזאָן וואָס איהר אדרעס דאַרף צוגעשריבען ווערען אין דער בנות-צענטראַלע אין לאָדז און אַלע מאַטעריאַלען וועלען אויף דער זעלבער אַדרעס כסדר געשיקט ווערען.

4) יעדען חודש דאַרף צוגעשיקט ווערען דער זאַמעלבויגען וואו עס איז גענוי פערצייכענט די נעמען פון די וואָס שפענדען — די ליסטעס וועלען איבערגעשיקט ווערען דער צענטראַלע אין פראַנקפורט.

5) יעדע שפענדע פון 2 זלאָטיס וועט פערעפענטליכט ווערען אין דער פרעסע עווענטועל אין בית יעקב זשורנאַל.

6) דאָס מאַטעריאַל, די אויפרופען, ביכלעך א. אַ. וו. דאַרף געשוינט ווערען.

7) אויף די ערטער וואו ס'איז אונמעגליך אַזאַ קאָמיסיע צו שאַפען בעטען מיר אונז צו שרייבען די אַדרעסען פון פערמעגליכע פרויען, בכדי מיר זעלבסט זאָלען זיך צו זיי קענען ווענדען.

8) פאָרטאָ-שפעזען רעכענט זיך די קאָמיסיע אָב ביים שיקען ס'געלד.

9) די זאַמלונג אין די ערשטע 4 חדשים דאַרף געמאַכט ווערען לויט פאָלגענדען סדר: שבט — מאָנטאָג חמשה עשר, אדר — דינסטאָג פורים, ניסן — זונטאָג און מאָנטאָג חוהמ"פ, אייר — דינסטאָג ל"ג בעומר.

10) אונבעדינגט יעדען חודש 3 טאָג נאָכ'ן זאַמלען דאַרף אונז צוגעשטעלט ווערען אַ גענויען בעריכט- פון וואָס מיר וועלען מאַכען אויסצוגען פאַר דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע אין לאַנד און אויסלאַנד.

## צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

אַדרעס פאַר קאָרעספאָנדענץ:

Sekretarjat B. A. J. Łódź, Aleksandrowska 28.